NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12939

MAYSELEKJ FUN VAYTN INDYEN

E. K. Bebit

The original of this title comes from the permanent collection of the YIVO Institute for Jewish Research, New York, NY

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ע. ק. בעביט.

מעשה׳לאַך פֿון ווײַטן אינדיען.

אידיש דורך ה. פּאַרבער.

מאָסקווע,
דרוקעריי „קדימה", לאַלין פּער. 19. טעל. 33-60
1919.

13/3806

I.

די מאַלפּע און דער קראָקאָדיל.

אויף אַ הויכן בוים נעבן טײַך האָט געוואוינט אַ מאַלפּע.

אין טײַך האָבן זיך געפונען אַ סך קראָקאָדילן. די קראָקאָדיליכע, די מאַמע, פלעגט זיך אָפּט צוקוקן, ווי די מאַלפּעס שפּילן און אײַנמאָל, אין אַ שײַנעם פרימאָרגן, האָט זי צו איר זון אַזוי געזאָגט:

— זונעלע, באַקום מיר אַ מאַלפּעטשקע. מיר ווילט זיך פאַרזוכן מאַלפּנהאַרץ.

— ווי אַזוי וועל איך דיר כאַפּן אַ מאַלפּע? — האָט דער קלײַנער קראָקאָדיל געפרעגט. — איבער דער ערד קען איך ניט געהן, און אין וואַסער קריכן די מאַלפּעס ניט.

— לייג צו קאָפּ, אפשר וועסטו עפּעס צוטראַכטן, — האָט די מאַמע געענטפערט.

האָט דער קלײַנער קראָקאָדיל גענומען טראַכטן און טראַכטן.

און ער האָט צוגעטראַכט:

— כ׳ווייס! כ׳וועל זעהן צו כאַפּן יענע מאַלפּע, וואָס וואוינט אויפן הויכן בוים נעבן טײַך. איר ווילט זיך אַוודאַי, אַריבערקלײַבן איבערן טײַך אויפן אינזל, וואו ס׳וואַקסן אַזוינע פײַנע צײַטיגע פרות.

און דער קראָקאָדיל איז צוגעשוואומען צום בוים, אויף וועלכן די מאַלפּע האָט געוואוינט. מ׳דאַרף וויסן, אַז דער קראָקאָדיל איז נאָך געווען קלײַן און נאַריש.

— מאַלפּעלע! — האָט ער אַ געשרײַ געטאָן. — אפשר ווילסטו מיט מיר אַריבערשווימען אויפן אינזל, וואו עס וואַקסן אַזוינע פײַנע צײַטיגע פרות?

— כ׳וואָלט אַוודאַי וועלן, אָבער ווי אַזוי? — האָט די מאַלפּע געענטפערט. — איך קען דאָך ניט שווימען.

— איך קען אבער יאָ שווימען. דו וועסט זיך זעצן צו מיר אויפ׳ן רוקן און איך וועל דיך אַריבערפירן.

די מאַלפּע האָט ליב געהאַט צו נאַשן און אויף צײַטיגע פּרות איז זי געווען אַ גרויסע בעל׳נטע. זי האָט ניט לאַנג געטראַכט און איז אַרויפגעשפּרונגען צום קראָקאָדיל אויפ׳ן רוקן.

— זעהסטו, אָט פאָרן מיר, — האָט דער קראָקאָדיל געזאָגט.

— כ׳וועל, ווײַזט אויס, האָבן אַ פײַנעם שפּאַציר — האָט די מאַלפּע געזאָגט.

— אמת? און ווי געפעלט דיר אַזאַ מין קונץ? — האָט דער קראָקאָדיל געפרעגט און האָט זיך אַטוק געטאָן.

— מ׳דאַרף ניט! — האָט קוים די מאַלפּע אויסגעשריען, אַראָפּלאָזנדיק זיך אונטערן וואַסער. זי האָט זיך אַזוי דערשראָקן, אַז זי האָט זיך אינגאַנצן פאַרלאָרן.

ווען דער קראָקאָדיל איז צוריק אַרויפגעשוואומען, האָט די מאַלפּע אַ לאַנגע צײַט געניסט און געשפּיגן.

פאַר וואָס האָסטו מיך אָפּגעטוקט?

— פאַר וואָס האָסטו מיך אָפּגעטוקט, קראָקאָדיל? — האָט זי געפרעגט.

— כדי צו דערטרינקען דיך, — האָט דער קראָקאָדיל געזאָגט. — מײַן מאַמען ווילט זיך פאַרזוכן מאַלפּן־האַרץ. און איך וויל איר ברענגען דײַן האַרץ.

— אַ שאָד, וואָס דו האָסט מיר פריהער דאָס ניט געזאָגט, — האָט די מאַלפּע געענטפערט, — איך וואָלט דאָך דאָס האַרץ גענומען מיט זיך.

— וואָס הייסט! — האָט דער נאַרישער קראָקאָדיל אויסגעשריען. — אַ סברא אַז דו האָסט עס איבערגעלאָזן דאָרטן אויפן בוים?

— פאַרשטעהט זיך, — האט די מאַלפּע נעענפערט, — אויב דו דאַרפסט מיין האַרץ האָבן, מוזן מיר זיך אומקערן צוריק און אַראָפּנעמען עס פון בוימ־אָבער איצט זיינען מיר דאך שוין גאָר נאָהענט צום אינזל מיט די צייטיגע פּרות. פיר מיך פריהער אַריבער אַהין.

— דאס, זעהסטו, שוין גראָד ניט! — האט דער קראָקאָדיל געזאָגט. — מיר וועלן זיך באַלד אומקערן צו דיין בוים, און פון צייטיגע פרוכטן זאלסטו דער־וויילּ גאר ניט טראַכטן. פריהער נעם אַראָפּ דיין האַרץ און ברייננ עס מיר. נאָכדעם וועלן מיר שוין פאָרן אויפ'ן אינזל.

— זאל זיין אַזוי — האט די מאַלפּע געענפערט.

אַראָפּגעשפּרונגען אויפ'ן ברעג, האט זי זיך אין איין אויגנבליק אַרויפגע־כאַפּט אויפ'ן בוים. און ווען זי איז אַרויף אויפן סאַמע שפּיץ, האט זי אַ גע־שריי געטאָן צום קראָקאָדיל, וואס האט אויף איר אין וואַסער געוואַרט:

— אָט דא איז מיין האַרץ. אויב דו דאַרפסט עס נויטיג, קום און נעם עס!

II.

אינגיכן האט די מאַלפּע פאַרלאָזן איר בוים.

זי האט געוואלט פטור ווערן פון דעם קראָקאָדילס נאָכשפּירונגען און זיך לעבן רוהיג.

האָט אָבער דער קראָקאָדיל געפונען איר נייע דירה, אויף אַן אַנדער בוים אויך ביים טייך, נאר אַ סך ווייטער.

אין מיטן טייך איז געווען אַ אינזל, פאַרוואָקסן מיט פרוכט בוימער.

צווישן ברעג און אינזל האט אַרויסגעשטאַרצט אַ גרויסער פעלז. די מאַלפּע האט געקענט אַריבערשפּרינגען פון ברעג אויפן פעלז און פון פעלז אויפן אינזל. דער קראָקאָדיל האט געזעהן, ווי די מאַלפּע איז אויפ'ן אינזל אַריבער־געשפּרונגען און האט זיך אַזוי באַרעכנט;

— דעם גאַנצן טאג וועט די מאַלפּע פאַרברייננען אויפ'ן אינזל, און ווען זי וועט אין אָוונט זיך אומקערן אַ היים, וועל איך זי פאַקן.

די מאַלפּע האט געפאַשעט, וויפיל אין איר האַלז איז אַריין און דער קראָ־קאָדיל איז אַ גאַנצן טאָג ארומגעשוואומען אַרום אינזל און געלאָקערט אויף דער מאַלפּע.

פאַר נאַכט איז דער קראָקאָדיל אַרויסגעקראָכן פון וואַסער און האט זיך

צולעגט אויפ'ן פעלז. ניט רירנדיק מיט קיין איבר. ווען ס'איז טונקל געוואָרן, האָט זיך די מאַלפּע געלאָזט אַהיים. זי איז צוגעלאָפן צום ברעג און האָט זיך פּלוצים אָפּגעשטעלט אַ פאַרוואונדערטע.

— וואָס איז דאָס געשען מיט'ן פעלז — טראַכט די מאַלפּע — ער איז עפּעס געוואָרן אַ סך העכער. ניט אַנדערש, אַז דער קראָקאָדיל ליגט דאָרט!

זי איז צוגעגאַנגען צום וואַסער און האָט אַ געשריי געטאָן:

— עי, פעלז!

ניטאָ קיין ענטפער.

און אַזוי ביז דריי-מאָל.

דעמאָלט האָט זי געזאָגט:

— פאַר וואָס ענטפערסטו מיר, מיין ליבער פעלז, ניט היינטיקן אָוונט?

— אַהאַ! אַלע אָוונט, ענטפערט הפּנים דער פעלז אויף דער מאַלפּעס פראַגן, — האָט דער נאַרישער קראָקאָדיל באַשלאָסן. — הייסט עס אַז דאָס מאָל מוז איך ענטפערן פאַר אים.

און ער האָט געענטפערט:

— וואָס ווילסטו, מאַלפּע?

האָט די מאַלפּע מיט אַ געלעכטער אַ פרעג געטון:

— דאָס ביזטו, הפּנים, קראָקאָדיל?

— יאָ, — האָט ער געענטפערט — איך ליג דאָ און וואַרט אויף דיר. איצט וועל איך דיך אויפעסן.

— דאָס מאָל האָסטו, ווייזט אויס, אויסגעפירט, — האָט די מאַלפּע געזאָגט. — איצט קען איך זיך שוין ניט ראַטעווען. עפן זשע אָקאָרשט פונאַנדער ברייט דיין מויל, וועל איך אַהין גלייך אַריינשפּרינגען.

די מאַלפּע האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז דער קראָקאָדיל פאַרשמורעט שטענדיק די אויגן, בעת ער עפנט שטאַרק פונאַנדער דעם מויל.

און בשעת דער קראָקאָדיל האָט, ליגנדיק אויפ'ן פעלז, ברייט פונאַנדער-

בעפֿענס זײַן מויל און פֿאַרשמורעט די אויגן, האָט די מאַלפּע אַ שפּרונג געטאָן.

די מאַלפּע האָט אַ שפּרונג געטאָן.

אָבער ניט אין מויל אַרײַן צום קראָקאָדיל, ניין! פֿריהער איז זי צו אים אַרויף אויפֿ'ן קאָפּ, און פֿון דאָרט איז זי תּיכּף אַריבערגעשפּרונגען אויפֿ'ן ברעג. נאָכדעם איז זי אין איין אויגנבליק אויסגעוואַקסן אויף איר בוים.

דער קראָקאָדיל האָט פֿאַרשטאַנען, אַז די מאַלפּע האָט אים איבערגעשפּיצט, און האָט געזאָגט:

— אײַ ביסטו, מאַלפּע, אַ מזיק! האָסט גאָר קיין פּחד ניט. איצט וועל איך דיך צו רוה לאָזן און וועל דיך מער קיינמאָל ניט אָנרירן.

— אַ גרויסן דאַנק דיר, קראָקאָדיל, — האָט די מאַלפּע געענטפֿערט — פֿונדעסטוועגן איז אַ סך גלייכער, מיר זאָלן זיין גוטע פֿריינד פֿון דער ווייטן.

II.

ווי אַ שילדקרעט האָט זיך געראַטעוועט דאָס לעבן.

א מאָל האָט אַ מלך באַפֿוילן אויסגראָבן אויפֿ'ן הויף אַ סאַזשלקע פֿאַר די קליינע פּרינצן, פֿאַר זײַנע זין. זיי האָבן געקענט דאָרטן שווימען, פּאַליוסקען זיך, שיפֿן זיך און פֿאָרן אויפֿ'ן פּאַראָם, וויפֿיל זייער האַרץ געלוסט. כּדי צו פֿאַרשאַפֿן נאָך מער פֿאַרגעניגן די פּרינצן, האָט דער מלך אין אַ צײַט אַרום באַפֿוילן אַרײַנלאָזן אין סאַזשלקע זילבערדיקע און גאָלד-פֿאַרביגע פֿישעלאַך.

דעם מלכ'ס קינדער זײַנען געקומען אַ קוק טאָן אויף די פֿישעלאַך. צופֿעליג האָט מען אָבער אַ שילדקרעט אויך פֿאַרשלעפּט אין סאַזשלקע. די פּרינצן

האָבן זיך ניט געקאָנט זאַט אָנקוקן אין די פּיטעלאַך, קײן שילדקרעט אָבער האָבן זײ קײנמאָל ניט געזעהן, איז בײַ זײ געבליבן, אַז דאָס איז אַ שד, ניט אַנדערש. האָבן זײ זיך אַ לאָז געטאָן צום טאַטן מיט קולות און געוואַלדן:

— דאָרט אױפן ברעג סאַזשלקע איז אַ שד פאַראַן!

האָט דער מלך באַפױלן כאַפּן דעם שד און ברענגען אים אין פּאַלאַץ. אַז מ'האָט דעם שילדקרעט געבראַכט, זײַנען זיך די פּרינצן צעלאָפן פאַר שרעק.

דער מלך האָט זעהר ליב געהאַט זײַנע קינדער און, כּדי זײ זאָלן זיך װײַטער ניט שרעקן, האָט ער די מענטשן, װאָס האָבן געבראַכט דעם שילדקרעט, געהײסן, אַז זײ זאָלן מאַכן פון אים אַ סוף.

— װי אַזױ אָבער? — האָבן זײ געפרעגט.

— זאָל מען אים צעמאָלן אױף ברעקלאַך, — האָט אײנער אַן עצה געגעבן.

— זאָל מען אים בראָטן אױף הײסע קױלן — האָט דער צװײטער געזאָגט.

און אַזױ האָבן זיך געטאָן עצות אײנע נאָך דער אַנדערער.

צום סוף, האָט עפּעס אײנער אַן אַלטער, װאָס האָט שטאַרק מורא געהאַט פאַר װאַסער, פאָרגעלײגט:

— װאַרפט אים אַרײַן אין טײַך און זאָל אים אַװעקטראָגן דער שטראָם, אױף אַזאַ אופן װעט דער שילדקרעט אױף געװיס אומקומען.

װאַרפט אים אַרײַן אין טײַך.

אַז דער שילדקרעט האָט דערהערט דעם אַלטנס רייד, האָט ער אַרויסגעצויגן דעם קאָפּ און אַ פרעג געטון:

— וואס האָב איך דיר אַזוינס געטון? ווי האָסטו דאס האַרץ אויסצוטראַכטן פאַר מיר אַזאַ אַכזריות'דיקע שטראָף. גענוג שרעקלאַכע זאַכן האָבן אַלע ביז דיר פאָרגעלעגט, אָבער אַריינוואַרפן מיך אין טייך... דאס איז דאָך אַ געוואַלט!

האָט דער מלך תיכף באַפוילן זיינע מענטשן, אַז זיי זאָלן אַריינוואַרפן דעם שילדקרעט אין טייך אַריין.

אין האַרצן באַ זיך האט דער שילדקרעט געלאַכט, ווען מ'האט אים אין טייך געוואָרפן און, אַנקומענדיג אין דער אַלטער דירה זיינער, האט ער בשעת מעשה זיך געטראַכט:

מענשן קומט אַפילו אויפ'ן זינען ניט אַרויף, אַז מיר איז אין וואַסער אַזוי גוט!

III.

דער געפעסהענדלער.

איינער אַ הענדלער איז געגאַנגען פון שטאָט צו שטאָט און אַרומגעטראָגן פאַרקויפן מעשענע און בלעכערנע געפעס. געהענדיק איבער די גאַסן פלעגט ער שטענדיק שרייען:

— בלעכענע געפעס! מעשענע געפעס!

פון אַלע טירן פלעגן זיך אַ לאָז טון באַלעבאָסטעס, זיך דינגען, אויסבייטן, אָדער קויפן סחורה ביי אים.

אין אַן אַלט איינגעבויגן שטיבל האט געוואוינט אַן אָרעמע זקנה מיט איר איינקל. אַ מאָל האָט די זקנה געהאַט אַ גרויסע משפחה און אַ הויז פון כל טוב. איצט זיינען שוין אַלע אירע אויסגעשטאָרבן, און פונ'ם אַמאָליגן האָב און גוטס איז געבליבן נאָר אַן אַלטע שיסל. די זקנה האָט די שיסל געהיט, ווייל פון איר פלעגט שטענדיג עסן איר פאַרשטאָרבענער מאַן. די שיסל איז געשטאַנען אויף דער פאָליצע צווישן טעפּ און פאַנען און געניצט האָט מען זי זעהר זעלטן.

פאַרביי איז דורכגעגאַנגען דער געפעסהענדלער און האָט אויסגעשריען:

— שאָלן! קענדלאַך! קעסלאַך!

האָט דאָס איינקל געצומען בעטן:

— באָבעניו! קויף מיר עפּעס!

— מײַן קינד, מיר קענען גאָרניסט ניסט קױפֿן. מיר האָבן קײַן געלט ניט. אַפֿילו אױסבײַטן האָבן מיר אױך ניט װאָס.

— באָבעניו! אפשר װעט דער הענדלער עפּעס געבן פֿאַר יענער אַלטער שיסל? מיר נוצן די דאָך סײַ־װי־סײַ ניט, װעלן מיר זי אױסבײַטן אױף עפּעס אַ נוציקע זאַך.

האָט די זקנה אַ רוף געטאָן דעם הענדלער, געװיזן אים די שיסל און געזאָגט:

— גיט אָט פֿאַר דער שיסל מײַן מײדעלע אַ װעלכעס איז קענדעלע אָדער שעלכעלע.

ער האָט אַראָפּגעװאָרפֿן די שיסל אױף דער ערד.

האָט דער הענדלער גענומען די פֿון צײַט טונקל געװאָרענע שיסל, אַ שקראָב געטאָן די מיס'ן מעסער און דערזעהן, אַז זי איז אַ גאָלדענע. ער איז געװען אַ זשעדנער מענש און האָט גערעכנט, אַז אים װעט זיך אײַנגעבן באַקומען גאָר אומזיסט דעם דאָזיקן טײַערן חפֿץ. האָט ער אַראָפּגעװאָרפֿן די שיסל אױף דער ערד און געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז זי טױג אױף גאָרניסט.

— איך װעל פֿאַר איר גאָר ניסט געבן. זי איז קײַן צעבראָכענעם גראָשן אױך ניט װערט.

אין דעם זעלביקן טאָג איז דורכגעגאַנגען איבער דערזעלבער גאַס אַן אַנדער הענדלער און האָט אויך אויסגעשריען:

— קויגלאַך: קענדלאַך! מוזשענע געפעס! בלעכענע געפעס!

האָט דאָס מיידעלע עס דערהערט און האָט ווידער גענומען בעטן די באָבען, זי זאָל דעם הענדלער וויַיזן די שיסל.

— ניט כדאי, מיַין טיַיערע, — האָט די באָבע געפּרובט איַינרעדן דעם איַיניקל. — יענער הענדלער האָט דאָך געוואָרפן די שיסל אויף דער ערד און האָט פאַר איר גאָרנישט געוואָלט געבן און כמעט האָב איך געאָרנים.

— יענער הענדלער איז געווען אַ בייזער, באָבעניו, — האָט דאָס מיידעלע געענטפערט, — און דער איז, ווייסטו אַליין, אַ גוטער. גיב אים אַ פרעג. אפשר וועט ער אונדז פאַר דער שיסל כאָטש אַ קליין, בלעכן טעלערל געבן.

— גיב אים אַ רוף און ווייַז אים אַליין דורך, אויב דו ווילסט — האָט די אַלטע געזאָגט.

דער הענדלער האָט אַ קוק געטאָן אויף די שיסל, אַ דרעה געטאָן זי אין די הענט און באַלד דערזעען, אַז די שיסל איז אַ גאָלדענע.

— די גאַנצע סחורה מיַינע אַפילו איז אויך ניט גענוג אויף צו באַקומען די שיסל, — האָט ער געזאָגט. — דאָס איז דאָך אַ גאָלדענע שיסל. איך בין גאָר ניט אַזוי רייַך, איך זאָל זי קענען קויפן.



דאָס איז אַ גאָלדענע שיסל

— אַס ערשט האָט זי אַן אַנדער הענדלער געוואָרפן אויף דער ערד און געזאָגט, אַז זי איז גאָרניט ווערט, — האָט די אַלטע געזאָגט. — אויב אין אײַערע אויגן האָט די שיסל עפּעס יאָ אַ ווערט, געבט די אײַך צו און גיט פאַר איר מײַן מיידעלע פון אײַערע זאַכן דאָס, וואָס זי וועט זיך אויסקלײַבן.

דער הענדלער איז אויף דערויף ניט אײַנגעגאַנגען. ער האָט אָפּגעגעבן דער אַלטער די גאַנצע געפּעס זײַנע און גאָר זײַן געלט, וואָס ער האָט געהאַט בײַ זיך, זיך האָט ער איבערגעלאָזן גאָר אײַן קלײַנע מטבע.

ער איז באַלד אַוועק צום טײַך, אַרויף אויפ'ן פּראָם און האָט אָפּגעגעבן די מטבע דעם איבערפירער פאַר'ן איבערפאָרן.

— דערווײַל האָט זיך דער ערשטער הענדלער אומגעקערט צוריק צום שטיבל, וואו מע האָט אים געוויזן די גאָלדענע שיסל און האָט געזאָגט:

— טראָגט מיר אַרויס די שיסל, וועל איך אײַך עפּעס געבן פאַר איר.

— נײַן, — האָט די אַלטע געענטפערט. — איר האָט געזאָגט, אַז די שיסל איז קײַן צעבראָכענעם גראָשן ניט ווערט, און אַ צווייטער סוחר איז געקומען און האָט זי אָפּגעקויפט פאַר אַ הויכע פרײַז.

דער זשעדנער סוחר איז אין כּעס געוואָרן און האָט גענומען טופּען מיט די פיס.

— איבער אים האָב איך אָנגעוואָרן אַזאַ גרויסן פאַרדינסט, — האָט ער געשריען. — די שיסל איז דאָך אַ גאָלדענע!

ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צום טײַך און אַז ער האָט דערזען דעם אָפּשווימענדיגן פּראָם, האָט ער אָנגעהויבן שרײַען:

— שטעה, איבערפירער! קער זיך אום צום ברעג!

אָבער דער הענדלער, וואָס איז געווען אויפ'ן פּראָם האָט געזאָגט צום איבערפירער.

— הער אים ניט! קער זיך ניט אום!

זיי זײַנען איבערגעפאָרן אויפ'ן צווייטן ברעג. דער הענדלער האָט אין שטאָט פאַרקויפט די גאָלדענע שיסל און האָט אויף די געלט געעפנט אַ קראָם און פון דעמאָלט אָן האָט ער שוין מער ניט באַדאַרפט אַרומטראָגן זײַן סחורה איבער די גאַסן.

IV.

אַ שילדקרעט אַ פלאַפלער.

אין אַ סאַזשלקע אונטער אַ באַרג האָט געוואוינט אַ שילדקרעט

— צום ברעג פון סאַזשלקע פלעגן קומען צופליהען ווילדע גענז זוכן פאַר זיך שפייז. צוויי יונגע געגזעלאַך האָבן זיך באַקאַנט מיט'ן שילדקרעט, דערנאָך זיך באַפריינדעט מיט אים און אָנגעהויבן קומען צו אים אַלע טאָג

דער שילדקרעט האָט ליב געהאַט אַ סך צו ריידן און לערנען יענעם שכל ער האָט זיך פיל אָבגעזעהן אויף זיין לעבן און פלעגט אָן אַן אויפהער דערצעהלן די געגזעלאַך אַלערליי מעשיות. די טעג זיינען געגאַנגען. די געגזעלאַך זיינען אויסגעוואַקסן און געוואָרן גרויסע געגז. עס איז אָנגעקומען די צייט, ווען זיי דאַרפן פליהען אַהיים, האָבן זיי געזאָגט צום שילדקרעט:

— דו ווייסט, שילדקרעט-לעבן, הינטער בערג, הינטער טאָלן, אין דער היים ביי אונז, איז גוט, זעהר גוט, מארגען פליהען מיר שוין אַהיים. דער וועג וועט זיין אַ ווייטער, אָבער אַן אַנגענעמער.

אפשר ווילסטו אויך צושטעהן צו אונז?

— ווי אַזוי קען איך צו אייך צושטעהן? איך האָב דאָך ניט קיין פליגלען, — האָט דער שילדקרעט געענטפערט.

— אַ, מיר וועלן זיך טראָגן, אויב דו קענסט נאָר האַלטן דאָס מויל פאַרמאַכט און מיט קיינעם ניט ריידן, — האָבן די גענז בעזאָגט.

— אַוודאי קען איך, — האָט אויסגעשריגן דער שילדקרעט. — נעמט מיך מיט זיך! איך וועל טון אַלדינג פונקט, ווי איר וועט מיר הייסן.

אויף מאָרגן זיינען די גענז גאַנץ פריה געקומען צופליהען צום שילדקרעט מיט אַ לאַנגן שטעקן.

— מיר וועלן אָנעמען מיט די שנאָבלען דעם שטעקן ביי ביידע עקן און דו כאַפּ אָן מיטן מויל אין דערמיטן, אָבער געדענק, קיין וואָרט זאָלסטו ניט אויסריידן, ביז מיר וועלן ניט קומען צופליהען אויף אַן אָרט, — האָבן זיי אים פאַרזאָגט.

די גענז האָבן אַ פּאַק געטאָן מיט די פליגלען און זיך אויפגעהויבן אינ-איינעם מיטן שילדקרעט, וועלכער האָט זיך פעסט געהאַלטן פאַרן שטעקן.

זיי זיינען געפלויגן איבער וועלדער, איבער פעלדער, געפלויגן איבער דערפער.

גיט נאָר אַ קוק: אַ שילדקרעט אויפן הימל.

— די דאָרפישע קינדער האָבן אַ שאָט געטאָן אויפ'ן גאַס. זיי האָבן פאַר-ריסן די קעפּ און מאַכנדיק מיט די הענט, האָבן זיי גענומען שרייען.

— גיט נאָר אַ קוק! אויפן הימל אַ שילדקרעט! גענז טראָגן אים אויף אַ שטעקן! אט אַ מאָדנע זאַך! מ'קאָן שטאַרבן פאַר געלעכטער!

דער שילדקרעט האט בײַ אַ קוק געטאָן אַראָפּ צו אויף די קינדער און האט זײַ מיט כעס געזאָגט:

— נו איז וואס? גוטע פרײַנט טראָגן מיך. וואס איז דאס אײַער זאַך?

ווי נאר דער שילדקרעט האט דאס מויל געעפנט, האט ער אַרויסגעלאָזן דעם שטעקן באַ וועלכע ער האט זיך די גאַנצע צײַט געהאַלטן. דער שילדקרעט איז אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד און האט זיך דערהרגעט אויף טויט.

V.

אין זאַמדיגן מדבר.

אײַנמאל איז איבער אַ זאַמדיגן מדבר דורכגעפאָרן אַ סוחר מיט פורן, אנגעלאָדענע מיט סחורה. געפאָרן איז ער אין אַ קלאַס, וואס איז געווען אויף יענער זײַט מדבר.

די זון האט מיט אירע ברענעדיגע שטראַלן אנגעגליט דעם דינעם זאַמד, ווי אַ פײַערפאַן. בײַטאג איז אוממעגליך געווען צו געהן איבערן זאַמדיגן וועג. בײַנאַכט אבער, נאכ'ן זונען-אונטערגאַנג, ווען דער זאַמד פלעגט אפקילן, האט מען זיך געלאָזן פאָרן ווײַטער.

דערוואַרט דעם זונען-אונטערגאַנג, האט זיך דער סוחר געלאָזן אין וועג אַרײַן, אַחוץ סחורה, האט דער סוחר נאך געפירט מיט זיך קריגלאַך וואַסער, רײַז און האלץ כדי אויפצוקאָכן עסן פאַר זיך און פאַר די פורלײַט.

אַ גאַנצע נאַכט זײַנען זײַ כסדר געפאָרן. אײַנער איז געווען דער פירער פון קאַראַוואַן: ער איז געווען קלאר אין דעם גאַנג פון די שטערן און נאך זײַ נאך האט ער געהאַלטן דעם וועג.

ווען עס האט אנגעהויבן טאגן, האבן זײַ זיך אפגעשטעלט; אויסגעשפאַנט און אנגעפיטערט די אקסן, צעלעגט אַ פײַערהויפן און אויסגעקאכט רײַז. נאכדעם האבן זײַ אנגעצויגן איבער די פורן און איבער די אקסן אַ גרויסן ברעזענט און

אונטער זײַן שאָטן האָבן זיך די מענטשן צעלײגט שלאָפֿן ביז זונען=אונטערגאַנג.



די האָבן צעלײגט אַ פֿײַער און אױסגעקאָכט רײַז.

פֿאַרנאַכט האָבן זײַ װידער צעלײגט אַ פֿײַער און צוגעגרײַט אװנט ברױט. נאָכ'ן עסן האָבן זײַ אַראָפּגענומען דעם ברעזענט, אײַנגעפּאַקט די אַקסן און װי נאָר דער זאַמד איז אָפּגעקילט געװאָרן, האָבן זײַ זיך װידער געלאָזט אין װעג אַרײַן. גאַנץ אײן נאַכט אױס זײַנען זײַ געפֿאָרן, און אין דער בײַטאָגעדיקער היץ האָבן זײַ גערוהט. אין אײן שײנעם פֿרימאָרגן האָט דער פֿירער געזאָגט.

— נאָך אײן נאַכט האָבן מיר צו פֿאָרן, און מיר װעלן פֿון מדבר אַרױס.

דערהערנדיג די װערטער האָבן זיך די מענטשן זײער דערפֿרײט, װײַל זײַ זײַנען שױן געװען שטאַרק פֿאַרמאַטערט פֿון דער נסיעה.

יענעם פֿאַרנאַכט, נאָך אװנט=ברױט, האָט דער סוחר באַפֿױלן.

— גיסט אַרױס דאָס װאַסער פֿון די קריגן און װאַרפֿט אַראָפּ דאָס האָלץ פֿון די פֿורן.

אינדערפֿריה װעלן מיר שױן זײַן אין שטאָט, און די דאָזיגע משא איז שױן אונז מער ניט נױטיג. און איצט שפּאַנט דאָס לעצטע מאָל אײַן.

דער פֿירער האָט פֿאַרנומען זײַן אָרט בראש פֿון דעם קאַראַװאַן. נאָר אַנ=שטאָט נאָכצוקוקן נאָך די שטערן און דעם װעג צו װײַזן, האָט ער זיך צוגע=לעגט אױף זײַן װאָגן און איז באַלד שטאַרק אײַנגעשלאָפֿן, װײַל ער איז פֿיל נעכט נאָכאַנאַנד ניט געשלאָפֿן, און בײַטאָג האָבן אים אױך די, בלענדיקע שטראַלן פֿון דער זון ניט געלאָזט אױסשלאָפֿן זיך װי עס דאַרף צו זײַן.

אַ גאַנצע נאַכט זײַנען די אָקסן געגאַנגען. צום באַגינען האָט זיך דער דער פֿירער אױפֿגעכאַפּט און האָט אַ קוק געטון אױף די לעצטע שטערן, װאָס האָבן געהאַלטן בײַ אױסלעשן זיך אין פֿרימאָרגן־שײַן.

— שטעהט! האָט ער אַ געשרײַ געטאָן. — מיר זײַנען אױפֿן װעלביגן אָרט, װוּ מיר זײַנען נעכטן געװען. הײַנט, די אָקסן האָבן זיך אױסגעקערט אױף צוריק צו בשעת איך בין געשלאָפֿן.

מע האָט די אָקסן אױסגעשפּאַנט, אָבער אָנטרינקען זײַ איז ניט געװען מיט װאָס, װײַל דאָס װאַסער האָט מען דאָך אױסגעגאָסן. מ׳האָט אָנגעצױגן אַ ברעזענט איבער די פֿורן און די אָקסן האָבן זיך הונגעריקע און דורשטיקע געלעגט אױף דער ערד. די מענטשן האָבן זיך אױך צוגעלעגט, װאַנדיג אײַנער דעם צװײטן — אַן האָלץ און װאַסער װעלן מיר געװיס אומקומען.

דער סוחר האָט זיך געטראַכט:

— איך קאָן ניט שלאָפֿן. איך מוז געפֿינען װאַסער. די אָקסן װעלן ניט זײַן בכּח צו גײן, אױב מ׳װעט זײַ ניט אָנטרינקען. פֿאַר די מענטשן איז אױך נױטיג װאַסער, אַנדערש איז ניטאָ אין װאָס צו קאָכן דעם רײַז. אױב איך װעל ניט געפֿינען קײַן װאַסער, זײַנען מיר אַלע פֿאַרפֿאַלענע.

ער איז געגאַנגען אין אײן זײַט, אין דער צװײטער און האָט אַלץ באַטראַכט דעם באָדן. פּלוצלונג האָט ער דערזען אַ בינטעלע גראָז.

— דאָ מוז ערגיץ זײַן װאַסער, — אַנדערש װאָלט קײַן גראָז ניט געקענט װאַקסן.

דאָ מוז ערגיץ זײַן װאַסער.

ער איז צוגעלאָפן צוריק צו זײַנע מענשן און האָט אַ געשרײַ געטאָן.

— דערלאַנג אַהער אַ גראָב־אײַזן און אַ האַמער!

די מענשן זײַנען אויפגעשפּרונגען און האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן צו יע־נעם אָרט, וואו דאָס גראָז איז געוואַקסן. זײַ האָבן זיך אַ נעם געטאָן גראָבן און האָבן זיך אײַנגיכן אָנגעשטויסן אויף אַ שטײן. ווײַטער גראָבן האָט מען ניט געקענט.

דער סוחר איז אַרײַן אין גרוב און האָט צוגעלײגט דעם אויער צום שטײן.

— איך הער אַ גערויש פון וואַסער אונטערן שטײן! — האָט ער געזאָגט.

— מיר דאַרפן ניט פאַרלירן קײן מוט.

ער האָט צוגערופן אײנעם פון זײַנע באַדינערס און האָט געזאָגט צו אים:

— פרײַנד מײַנער, שטרײַנג אָן אַלע כחות דײַנע! אויב מיר וועלן ניט געפינען קײן וואַסער, זײַנען מיר פאַרלאָרענע.

דער באַדינער האָט אויפגעהויבן דעם האַמער און האָט מיט זײַן גאַנצן כח אַ קלאַפּ געטאָן איבערן שטײן. ער האָט ניט געוואָלט פאַרלירן די לעצטע האָפענונג. כ'מוז זיך ראַטעווען פון טויט. דער האַמער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן און דער שטײן האָט זיך אַ ריר געטאָן פון אָרט. די מענשן האָבן קוים באַוויזן פון ברו־נעם אַרויסצושפּרונגען, ווײַל אין אײן אויגנבליק איז ער פול געוואָרן מיט קאַלטע וואַסער. די מענשן האָבן זיך אַלײן אָנגעטרונקען, אָנגעטרונקען די אָקסן און דערנאָך האָבן זײַ זיך אָפּגעוואַשן. זײַ האָבן צעהאַקט אויף שפּענער אײניקע איבעריקע אָקסן און רעדער, צעלײגט אַ פײַער און אויסגעקאָכט רײַז. נאָכדעם האָבן זײַ זיך גוט אויסגערוהט ביז פאַרנאַכט. נעבן ברונעם האָבן זײַ איבערגע־לאָזט אַ סימן, כדי אַנדערע דורכפאָרער זאָלן אים אָן מיה קענען געפינען.

מיט'ן זונען־אונטערגאַנג האָבן זײַ זיך געלאָזט אין וועג און אינדערפרי זײַנען זײַ געקומען אין דער שטאָט, וואוהין זײַ האָבן זײַער סחורה געפירט.

VI.

די מחלוקת צווישן וואַכטלען.

אין אַ וואַלד האָט געוואוינט אַ גרויסע טשאַדע וואַכטלען און דער קליג־סטער פון די וואַכטלען איז געווען בײַ זײ דער פירער.

באַם וואַלד האָט זיך באַזעצט אַ מענש, וואָס פלעגט זיך פאַרנעמען דערמיט, האָט ער האָט געפאַנגען פויגלאַך און זײ פאַרקויפט אין שטאָט אַרײַן. טאָג אײַן

מאג אויס האט ער זיך צוגעהערט צו דער שטימע פונם וואַכטלענס פירער און לסוף האט ער זיך אַזוי גוט אויסגעלערנט נאכצומאַכן אים, אַז ער פלעגט לייכט קענען אפנאַרן די וואַכטלען.

ווען זיי פלעגן זיך צונויפפליהען, מיינענדיג, אַז דאס רופט זיי צונויף דער פירער, פלעגט דער פויגל־פאַנגער זיי פאַרדעקן מיט דער נעץ און פלעגט זיי תיכף אַוועק טראגן.

דער קלוגער אנפירער האט פאַרשטאַנען דעם מענטשנס שפיצלאַך. ער האט צונויפגערופן אַלע וואַכטלען און האט צו זיי אַזוי געזאגט:

— דער פויגל־פאַנגער האט שוין פיל פון אונז אומגעבראַכט. מ'דאַרף ווי ס'גיט אין מאַכן אַ סוף דערצו. האב איך אט וואס צוגעטראַכט: ווען דער מענש וועט אויף אייך נאכאַמאל אַרויפוואַרפן די נעץ, מוז יעדע־רער פון אייך אַרויסשטעקן זיין קאָפּ דורך די שלייפן פון דער נעץ, און איר אַלע אינאיינעם פליהט צום נאהענטסטן דארן־קוסט. דארט וועט איר די נעץ איבערלאזן און אַליין אַרויס אויף דער פריי.

די וואַכטלען איז דער פלאַן געפעלן און זיי האבן באַשלאסן אַזוי טאַקע צו טון ווי נאר דער פויגל־פאַנגער וועט אויף זיי אַרויפוואַרפן די נעץ.

אויף מארגן איז געקומען דער פויגל־פאַנגער, גענומען זיי צונויפצורופן און, ווען זיי האבן זיך צונויפגעזאַמלט, האט ער זיי פאַרדעקט מיט דער נעץ. די וואַכטלען האבן זיך אויפגעהויבן אינאיינעם מיט דער נעץ און זיינען אַוועקגעפלויגן צום דארן־קוסט. דארט האבן זיי די נעץ איבערגעלאזן און באַלד אַ לאז געטון זיך צו זייער פירער דערצעהלן אים, ווי גוט זיי האבן אויסגע־פירט זיין פלאַן.



די וואַכטלען זיינען אוועקגעפלויגן אינאיי־נעם מיט דער נעץ.

דער פויגל־פאַנגער האט פאַרבראַכט דעם גאַנצן טאג ביז ער האט אויס־געפלאָנטערט די נעץ פון דארן־קוסט און איז אין אוונט געקומען אַ היים ערשט מיט גארנישט. די זעלבע זאַך האט געטראפן אויכן צווייטן טאג און אויך אויפן דריטן טאג.

דעם פויגל־פאַנגערס פרוי איז געווען ברוגז, וואס דער מאַן קומט אַ היים מיט ליידיקע הענט; ער פלעגט זי אבער באַרוהיגן און געבן איר צו פאַרשטיין:

— זעהסטו, איצט אַרבעטן די וואכטלען יד אַחת, אינאיינעם. ווען איך דעק זיי אן מיט דער נעץ, פליהען זיי מיט איר אַוועק און לאזן זי איבער אויף אַ דארן־קוסט. נאר האב צייט: איינציגן וועלן ביי זיי זיך, מסתמא, אנהויבן מחלוקת'ן און דעמאלט וועל איך מיינס אויספירן.

איינציגן נאך דעם האט איינער אַ וואַכטל, בשעת ער איז אַראפגעפלויגן אויף דער ערד פיקן קערנער, אַ קלאַפּ געטאן אַ צווייטן איבער'ן קאפּ.

— ווער האט עס מיר אנגעטראטן אויפן קאפּ? — האט דער באַליידיגטער מיט כעס אויסגעשריען.

— איך, נאר גלויב מיר, אַז ס'איז אומגערן. זיי ניט ברוגז, טייערער.

דער וואַכטל האט זיך דאך אנגעבלאזן און גענומען זיך זידלען אויפ'ן קול.

אין דער מחלוקת האבן זיך אַריינגעמישט אויך אַנדערע וואַכטלען. די האבן זיך געשטעלט אַ יפ'ן צד פונם באַליידיגטן און אַנדערע — אויפ'ן צד פון דעם אומוויליגן באַליידיגער.

דער פויגל-פאַנגער האט זיי צוגענומען.

ווען דער פֿויגל־פֿאַנגער איז געקומען און האָט אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף זיי אַ נעץ, האָט אײן פֿאַרטײַ וואַכטלען געשריִען צו דער צווייטער:

— הייבט אויף די נעץ!

האָט די צווייטע געענטפֿערט: „הייבט אַליין אויף!“

— די גאַנצע שווערקייט וואַרפֿט איר אויף אונדז אַרויף, — האָט געשריִען אײן צד.

— ס'הויבט זיך ניט אָן! — האָט געשריִען דער צווייטער. — גיט איר אַ שלעפּ, וועלן מיר אונטערכאַפּן.

דערווייל האָט זיך קיינער פֿון זיי ניט גערירט.

איז געקומען דער פֿויגל־פֿאַנגער, פֿאַרוויקלט זיי אין נעץ, אַוועקגעטראָגן אין שטאָט אַרײַן און האָט זיי דאָרט פֿאַרקויפֿט פֿאַר גוטע געלט.

VII.

דער פּחד'נישער קוניקול (קראָליק).

אונטערן שאָטן פֿון אַ פּאַלמען־בוים איז זיך געשמאַק געשלאָפֿן אַ קיניקל. מיט אַ מאָל האָט ער זיך אויפֿגעכאַפּט און איז אויפֿגע־שפּרונגען אַ דערשראָקענער. באַ אים אין קאָפּ איז דורכגעפֿלויגן אַזאַ געדאַנק:

— ווען די ערד וועט זיך, אַשטייגער, מיט אַ מאָל שפּאַלטן? וואָס וועט דעמאָלט זײַן מיט מיר?

און אין דערזעלבער מינוט האָבן די מאַלפּעס אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון בוים אַ קאָקאָס־נוס. דער נוס איז אַראָפּגעפֿאַלן אויף דער ערד פּונקט הינטער קיניקלס רוקן.

דערהערט דאָס גערויש, האָט דער קיני־קל אַ טראַכט געטאָן:

— אָט שפּאַלט זיך די ערד!

איז ער אויפֿגעשפּרונגען און זיך געלאָזט לויפֿן, מיט אַלע כּוחות, ניט אַרומקוקנדיק.

זיך אַפילו אויף צו דערוויסן זיך, פון וואַנען נעמט זיך דאָס געוויש.

האָט אים דערזעהן נאָך אַ קוניקול און געפרעגט:

— וואוהין לויפסטו אַזוי משוגענערווייז?

— אָך, פרעג בעסער ניט, — האָט ער געענטפערט.

נאָך דער צווייטער קוניקול איז נאָכגעלאָפן נאָך אים, אויספרעגנדיק, וואָס איז געשעהן.

— אַ סברא דו ווייסט גאָר ניט? די ערד שפּאַלט זיך דאָך! — האָט דער ערשטער קוניקול געענטפערט, ניט אָפּשטעלנדיג זיך. און איז ווייטער נאָך גיכער געלאָפן און דער צווייטער קוניקול — נאָך אים.

האָבן זיי באַגעגנט אַ דריטן קוניקול, איז ער אויך נאָך זיי געלאָפן, ווי נאָר ער האָט דערהערט, אַז די ערד שפּאַלט זיך.

איינער נאָכ'ן אַנדערן זיינען צו זיי צוגעשטאַנען אַלץ נאָך און נאָך קוניקולאַך און אינגיכן האָבן זיך גאַנצע מאות קוניקולאַך געטראָגן אָן אַ אָטעם.

דורכלויפנדיג פאַרביי דעם הערש, האָבן זיי אים אויך מודיע געווען, אַז די ערד שפּאַלט זיך. איז דער הערש אויך אַוועקגעלאָפן נאָך זיי.

אויפן וועג האָט דער הירש אַ געשריי געטון דעם פוקס, אַז ער זאָל ניט מאַכן קיין שהיות, ווייל די ערד שפּאַלט זיך. און באַלד איז דער פוקס אויך געלאָפן מיט זיי. זיי זיינען אַלץ געלאָפן און געלאָפן. צו זיי איז שפּעטער צוגעשטאַנען דער העלפאַנט אויך.

לסוף האט דער לײב דערזעהן די דאזיקע בעלי חיים לויפן און האט פון זײ באַקומען די ידיעה, אַז די ערד שפּאַלט זיך.

— דא איז עפּעס ניט גלאַט, — האט ער אַ טראַכט געטאן.

ער האט זיך אַ װאָרף געטאן צום באַרג צו איבערשנײַדן זײ דעם װעג און האט אַ בריל געטאן דרײַ מאָל.

זײַענדיג זײַ אַלע געבליבן שטעהן, װײַל זײ האבן אַלע געקענט די שטים פונם מלך פון די חיות און האבן פאַר אים שטאַרק געציטערט.

— װאס לויפט איר אַזױ? — האט דער לײב געפרעגט.

— אָ, מלך! — האבן זײ געענטפערט. — די ערד שפּאַלט זיך דאך.

— װער האט דאס געזעהן? — האט געפרעגט דער לײב.

— ניט איך, — האט דער העלפאַנט געענטפערט. — מיר האט דער פוקס געזאגט. פרעג בײַ אים.

— ניט איך, — האט געענטפערט דער פוקס. — פרעג בײַם הערש.

— די קונילעך האבן מיר געזאגט, — האט געענטפערט דער הערש.

די קוניקולאַך האבן אײנער נאכאַנאַנדער געזאגט:

— אַלײן האב איך ניט געזעהן, נאר אַ קוניקול — מײַנער אַ שכן, האט מיר געזאגט...

לסוף האט זיך דער מלך דערקליבן צו יענעם קוניקול, װעלכער האט דער ערשטער אַרויסגעלאזן דעם קלאַנג, אַז די ערד שפּאַלט זיך.

— זי שפּאַלט זיך טאקע אין דער אמת'ן? — האט דער לײב געפרעגט.

— אָ, אַוודאי, מלך, — האט דער קוניקול געענטפערט. — איך בין געשלאפן אונטער אַ פּאַלמען בוים, נאכדעם האב איך זיך אויפגעכאַפּט און אַ טראַכט געטאן: „װאס װעט זײַן מיט מיר, אויב די ערד װעט זיך שפּאַלטן?“ און אין דער מינוט האב איך דערהערט, אַז זי שפּאַלט זיך, האב איך זיך געלאזט לויפן.

— אויב אַזױ, — האט דער לײב געזאגט, — װעלן מיר זיך אומקערן צו יענעם ארט, װאו, נאך דײַנע רײד נאך, האט זיך די ערד גענומען שפּאַלטן, און מיר װעלן זעהן, װאס טוט זיך דארט.

דער לײב האט אַרויפגעזעצט דעם קוניקול צו זיך אויפ'ן רוקן און איז

פײל פון בױגן צוזעקגלאָפּן אַהין. די איבעריקע חיות זײַנען געבליבן וואַרטן באַם באַרג.



דער לײב איז פײל פון בױגן אַוועקגעלאָפן.

דער קוניקול האט געוויזן דעם לײַב די פּאַלמע, אונטער וועלכער ער איז געשלאָפן. דער לײַב האט גוט באַטראַכט דאס ארט און האט אויף דער ערד, דערזעהן דעם קאקאס-נוס, וואס איז אַראָפּגעפאַלן פון בוים. האט ער דערמאלט געזאגט צום קוניקול:

— דו האסט, הבנים, דערהערט, ווי דער נוס איז אַראָפּגעפאַלן און האסט זיך דערשראקן. אַך, דו, נפש אײנער!

און דער לײַב איז צוריק אַוועקגעלאָפן צו די בעלי-חיים, וואס האבן אויף אים געוואַרט, און האט זײ אַלץ דערצעהלט.

און ווען ניט דער קלוגער מלך פון די חיות, וואלטן זײ, ווער ווײסט, אפשר נאך עד היום געלאָפן אן אַ זינען.

VIII.

דער הערש.

אײַנער אַ מלך האט געהאַט אַ גרויסאַרטיקן פּאַלאַץ. דער פּאַלאַץ איז גע-ווען אַרומגערינגלט מיט אַ גרויסן שאטנדיקן פּאַרק. צווישן די געדיכטע בוימער פון פּאַרק האבן זיך געפונען כל'ערלײַ חיות, און אויף די צווײַגן האט זיך שטענדיק געהערט אַ כאר פון כל'ערלײַ זינגפײגעלאַך.

צוויי סטאַדעס הירשן זײַנען געווען אין פּאַרק. איינע אַ גרעסערע — אַוועלכע פינף הונדערט הערשן — האָט געהייסן באַנאַן־סטאַדע. דער פירער אדער מלך פון דער סטאַדע איז געווען אַן אויסגעצייכנטער הערש; די האָר זײַנע האָבן ווי גאָלד געפינקלט, די פאַרצווייגטע הערנער האָבן ווי זילבער געגלאַנצט און די אויגן זײַנע האָבן ווי קוילן געברענט. די קלענערע סטאַדע האָט מען גערופן באַמבוק־סטאַדע, זי האָט אויך געהאַט איר פירער אדער מלך.

אַלע טאָג פלעגן די הויף־לײַט גיין אין פּאַרק אויף געיעג נאָך הערשן, בכדי צו באַקומען פריש פלייש צום מלכ׳ס טיש. נייטיק האָט מען געהאַט נאָר איין הערש, נאָר, ווילנדיק אויספּײַנען זיך, באַווײַזן אַז זיי זײַנען גרויסע בריה׳ס און געוואַלדיגע שיסערס, פלעגן זיי יעדער מאָל פאַרוואונדן נאָך עטלעכע הערשן. די פאַרוואונדעטע חיה פלעגט, אָפּגעהענדיג מיט בלוט, אַוועק אין געדיכטעניש פון וואַלד און ווען די כחות פלעגן איר אויסגעהן, פלעגט זי זיך לייגן אין מאָך און איינגיכן אָוועקשטאַרבן. ניט אָנרירן פלעגן די יעגערס נאָר די פירערס, ווײַל דער מלך האָט שטרײַנג פאַרבאָטן צו צילן זיך אין זיי.

דעם פירער פון דער באַנאַן־סטאַדע האָט זעהר ווײַה געטון דאָס האַרץ אויף די פאַרוואונדעטע הערשן. האָט ער איינמאָל גערופן דעם פירער פון דער באַמבוק־סטאַדע צו האַלטן זיך מיט אים אַן עצה און האָט אים אַזוי געזאָגט:

— ברודער מײַנער, וויפיל הערשן ווערן אומגעקומען גאָר אומזיסט און אומניסט! לאָמיר זוכן עפּעס אַ מיטל ווי אַזוי צו פטור ווערן פונם דאָזיקן אומגליק.

מײַן עצה איז, אַז מיר זאָלן וואַרפן אַלע טאָג גורל. און דער, אויף וועמען ס׳וועט אויספאַלן דער גורל, זאָל אַליין קומען און אונטערשטעלן זײַן האַלדז אונטערן מעסער פונם קאָכער. אויף אַזאַ אופן וועלן כאָטש אַנדערע אומזיסט ניט אומקומען.

דער באַמבוק־הירש האָט געפונען, אַז דער פּלאַן איז אַ געלונגענער. האָבן זיי גענומען אַלע טאָג וואַרפן גורל און יענער, אויף וועמען דער גורל פלעגט פאַלן, פלעגט אַליין פאַרלאָזן די סטאַדע און גיין צום קאָכער זיך לאָזן שחט׳ן

אין איינעם שיינעם פרימאָרגן איז דער גורל אויסגעפאַלן אויף אַ יונגע הערשין זי האָט געהאַט אַ קליין, אומבאַהאָלפן פיצעלע. דאָס האַרץ האָט איר זעהר געקלעמט איבער איר קינד און זי האָט עס בשום אופן ניט געקענט איבערלאָזן אויף הפקר. געהערט האָט די הערשין צו דער באַמבוק־סטאַדע, האָט זי זיך תיכף



די סירגר האַלטן זיך אַן עצה.

אַ וואָרף געטאָן צום פירער אַן עצה צו טרעגן באַ אים און צו בעטן באַ אים הילף.

— אָ, קיניג! זאָל דער גורל מיך אויסמיידן דאס מאָל! אַ קליין-פּיצל זונעלע האָב איך, אַן אומבאַהאָלפיקס. ווער וועט אים אָן מיר דערציהן און אויסהאָדעווען? ווער וועט אים באַשיצן? איז דאס דען אַ יושר, איך זאָל מיין קינד צוועקוואַרפן און געהן אונטערן מעסער? דאס קינד וועט דאָך אָן מיר פאַרפאַלן געהן. אַז דאס קינד וועט אויסוואַקסן, אָ, דעמאָלט נעם מיין לעבן, איצט אָבער בין איך נויטיג פאַר אים, פאַר מיין פּיצל קינד.

דער באַלבוק-הערש האָט אין צאָרן אַ מאַך געטאָן מיט די הערנער און האָט געזאָגט:

— אומזיסט ביזטו אַהער געקומען טענ'ען און קלאָגן. דו מוזט געהן אין שחיטה-הויז און וועסט געהן. אַזוי האָבן מיר צווישן זיך אָפּגערעדט, און מ'מוז עס מקיים זיין. וועגן מוטערס מיט קליינע קינדער איז דערביי גאָרניט ניט דערמאָנט געוואָרן. קיין אויסנאַמען קענען דאָ ניט זיין. געה!

די מוטער איז געוועזן אויסער זיך. זי האָט געפילט, אַז זי האָט ניט קיין רעכט זיך לאָזן טויטן און איבערלאָזן איר קינד אויף הפקר, אַז ס'זאָל אָן איר אומקומען, זי האָט אָבער ניט געוואוסט, ווי אַזוי ווערט מען ניצל פון דער דאָזיקער צרה. צו וועמען זאָל זי זיך ווענדן? ווער וועט זיך פאַר איר איינשטעלן?

מיט אַמאָל האָט זי זיך דערמאָנט אינם גאָלדענעם פירער, אינם באַנאַן-הירש, וועמען אַלע האָבן געהאַלטן פאַר אַ גוטן און אַ יושר'דיקן. זי איז אַוועקגעלאָפן צו אים און גענומען אים בעטן מיט טרערן אין די אויגן:

— אָ, מלך! העלף מיר! אויף מיר איז אויסגעפאַלן דער גורל און איך מוז היינט געהן זיך לאָזן שחט'ן און מיין פּיצל קינד אויף הפקר לאָזן. אונזער מלך זאָגט, אַז מע קאָן דאָ גאָר ניט העלפן, אַז איבעראַנדערשן איז איצט אוממעגלאַך.

די דאָזיקע ווערטער אירע האָבן שטאַרק גערירט דעם פירער פון באַנאַן-סטאַדע.

— אמת, — האָט ער געזאָגט, — אין אונזער אָפּמאַך ווערט גאָר ניט דערמאָנט וועגן מוטערס פון קליינע קינדער, נאָר דאס איז דאָך פאָרט ניט קיין יושר דו דאַרפסט בלייבן באַם קינד באַ דיינעם. דער גורל דאַרף פאַלן אויף

עמיצן אַנדערש. גײה זיך אַהיים צו דײַן קינד און זײַ רוהיג. איך וועל שוין געפינען עמיצן, ווער ס'זאָל דיך פאַרבײַטן.

די מוטער האט זיך אומגעקערט צו איר קינד. און דער שײַנער הירש, באַ וועמען די האָר האבן ווי גאָלד געפינקלט, די פאַרצווײַגטע הערנער ווי זילבער געגלאַנצט, און די אויגן ווי קוילן געברענט, איז אַרויס פון פארק, אַוועק אין שחיטה-הויז און האט אַוועקגעלעגט דעם קאָפּ אויפן קלאָץ.

געקומען דער קאַצער און איז געבליבן שטיין אַ צעטומלטער. ער האט געוואוסט, אַז דער מלך דערלויבט ניט, אַז מע זאָל די פירערס פון די הערשן שעכטן. דעריבער האט ער זיך אומגעקערט אין פּאַלאַץ, געבעטן מע זאָל אים תיכּף צולאָזן צום מלך און האט אים אַזוי געזאָגט:

— דער שײַנער גאָלדפאַרביקער הערש, דער פירער פון באַנאַן-סטאַדע, איז געקומען אין שחיטה-הויז, אַוועקגעלעגט דעם קאָפּ אויפ'ן קלאָץ און וואַרט, אַז מ'זאָל אים שעכט'ן. וואס טוט מען, גרויסער הערשער? האט ער געפרעגט.

האט דער מלך באַפוילן אַז מ'זאָל אים דערלאַנגען זײַן רײַט-וואָגן און ער איז מיט עטלאַכע פון זײַנע הויפלײַט אַוועק צום שחיטה-הויז.

— ברודער קיניג! — האט ער געזאָגט צום פירער פון די הערשן, — ווײַסט דען ניט, אַז איך האב צוגעזאָגט ניט שעכטן ניט דיך, ניט דעם באַמבוק-הערש. הײַנט, וואס טוסטו דאָ?

דער גאָלדענער הערש האט אויפגעהויבן זײַן קאָפּ פון קלאָץ און האט געענטפערט:

— דער גורל איז הײַנט אויסגעפאַלן אויף אַ מוטער, וואס האט אַ קליין קינד. עס איז קיין יושר ניט צונעמען בײַ איר דאס לעבן און דאס קלײַנע אומבאַהאָלפן פיצעלע זאָל בלײַבן אַ יתום. בין איך געקומען פאַרנעמען איר אָרט.

— דאס טאר ניט זײַן! — האט דער מלך אויסגעשריגן. — מוטערס פון קינדער טאָר מען ניט שעכטן. דו ביסט פרײַ און די מוטער איז פרײַ. גײה זיך דיר צוריק אין פאַרק.

— אָ, מלך פון די מענשן! — האט געענטפערט דער פירער פון די הערשן.—

מיר זײַנען פרײַ, אָבער די איבעריקע הערשן פון פּאַרק? וואָס וועט מיט זײ זײַן? פאַר וואָס זאָל מען זײ טייטן?

די ביסט פרײַ

דעם מלכ׳ס האַרץ איז געווען גערירט פון די דאָזיקע רייד.

— ניין, — האָט ער געענטפערט, — זײ דאַרף מען אויך ניט טייטן. איך זאָג דיר צו, אַז פון הײַנט אָן וועל איך קיין איין הערש ניט דערלויבן צו טייטן.

דער באַנאַן־הירש איז אָבער אַלץ פון קלאָץ ניט אָפּגעגאַנגען.

— אָ, ברודער, מענטשן־קיניג! — האָט ער געזאָגט. — אַחוץ הערשן זײַנען דאָך אין פּאַרק פאַראַן נאָך אַ סך אַנדערע לעבעדיקע נפשות. וואָס פאַר אַ מזל וואַרט אויף זײ? אַ סברא, אַז מע וועט זײ טייטן, ווי ביז אַהער?

דער מלך איז זייער גערירט געוואָרן דערפון, וואָס דער הערש איז געווען גרייט מפקיר צו זײַן זײַן אייגן לעבן, כדי מציל צו זײַן אַ מוטער מיט אַ קינד, און ער האָט אַזוי געזאָגט:

— שטעה אויף, ברודער, קיניג פון באַנאַן־סטאַדע, און גײ צוריק אין פּאַרק. איך וועל מער ניט דערלויבן צו טייטן קיין איין לעבעדיקן נפש — ניט קיין חיה, ניט קיין פויגל, ניט קיין פיש. איך זאָג דיר עס פײַערלעך צו אין אָנדענק פון דײַנע הײַנטיקע גוטע מעשים.

ערשט דאַן האָט דער פֿירער פֿון באַגאַן-סטאַדע אױפֿגעהױבן דעם קאָפּ פֿון קלאָץ, אױפֿגעשטאַנען און אַװעק אין פּאַרק. ער האָט צונױפֿגערופֿן בײדע סטאַדעס העלדן און האָט זײ איבערגעגעבן, אַז דער מלך פֿון די בעגעשן שענקט זײ דאָס לעבן. נאָכדעם האָט ער פֿונאַנדערגעשיקט שלוחים איבער'ן גאַנצן פּאַרק, צונױפֿצורופֿן אַלע חיות און פֿײגלען פֿון קלײן ביז גרױס.

און װען אַלע האָבן זיך פֿאַרזאַמלט, האָט ער זײ דערצײלט, װאָס פֿאַר אַ צוזאָג ער האָט באַקומען פֿונעם מלך.

אין פּאַרק איז געװאָרן ששון ושׂמחה. אַלע לעבעדיקע נפֿשות, װאָס האָבן זיך געפֿונען אין פּאַרק, האָבן דערפֿילט אַ גרױסע ליבע צום פֿירער פֿון באַגאַן-סטאַדע, צום שײנעם גאָלדפֿאַרביקן הערש דערפֿאַר, װאָס ער איז גרײט געװען מקריב צו זײַן זײַן לעבן, כּדי צו מציל זײַן זײ אַלע פֿון יסורים און טױט.

IX.

דער באָבעס העלפֿאַנט.

אַ מאָל האָט אַ רײַכער מאַן געשענקט אײנער אַ זקנה אַ העלפֿאַנטל.

די אַלטע האָט דאָס העלפֿאַנטל אױסגעהאָדעװעט און האָט עס שטאַרק ליב באַקומען.

די קינדער אין דאָרף האָבן די זקנה גערופֿן באָבע און דעם העלפֿאַנט האָבן זײ געגעבן אַ צונאָמען דער באָבעס בחורן.

דער העלפֿאַנט פֿלעגט נעמען די קינדער צו זיך אױפֿן רוקן און פֿלעגט זײ אַרומפֿירן איבער'ן גאַנצן דאָרף. די קינדער פֿלעגן זיך מיט אים שפּילן מיט זײַערע באַשערײַען און פֿלעגן ליב האָבן צו שפּילן זיך מיט אים.

— מורק, הױדע אונז! — פֿלעגן זײ שמײכלענדיג בעטן.

— גוט! װער איז אױף דער רײ? — פֿלעגט דער העלפֿאַנט ענטפֿערן, אױפֿהױבן זײ מיט זײַן שנוק אין דער הײך און פּאַמעלעך אַראָפּגעלאָזן אױף דער ערד.

דער העלפֿאַנט פֿלעגט ניט טון קײן שום אַרבעט. ער פֿלעגט עסן, טרינקען, שפּילן זיך מיט די קינדער און גײן מיט דער באָבען צו גאַסט.

אײנמאָל האָט דער העלפֿאַנט געבעטן די באָבען גײן מיט אים אין װאַלד.

— איך קען ניט, מײַן טײַערער! איך האָב זעהר אַ סך אַרבעט.



ער הויבט אויף די קינדער מיטן שנוק.

דער העלפאַנט האָט אויפגערקזאַם אַ קוק געטאָן אויף דער אַלטער און האָט צום ערשטן מאָל באַמערקט, ווי זי איז אַלט און אָפּגעלאָזט געוואָרן.

— איך בין יונג און שטאַרק, — האָט ער געטראַכט. — מ'דאַרף זעהן צו קריגן פאַר זיך אַרבעט. אויב איך וועל פאַרדינען געלט פאַר איר, וועט זי ניט דאַרפן אַזויפיל אַרבעטן.

אויף מאָרגן איז ער פאַרטאָג אַוועקגעגאַנגען צום ברעג טײַך.

דאָרט האָט געטראָפן אײנעם אַ מענטשן, וואָס איז געווען זעהר צוטראָגן.

דער מענטש איז געקומען צו פאָרן מיט שווערע וואָגנס, און די אָקסן זײַנען האָבן ניט געקענט זיי איבערפירן איבער'ן טײַך.

דערזעהן דעם העלפאַנט, האָט דער מענטש געפרעגט:
— וועמעס העלפאַנט איז דאָס? איך וואָלט וועלן אים אָנדינגען, ער זאָל העלפן די אָקסן איבערצופירן די וואָגנס איבער'ן טײַכל.

— דאָס איז דער באָבעס מורין, — האָט זיך אָפּגערופן אַ קינד, וואָס איז דערבײַ געשטאַנען.

— אויסגעצײַכנט, — האָט דער מענטש געזאָגט. — איך וועל באַצאָלן צוויי זילבערנע מטבעות פאַר יעדן וואָגן, וואָס דער העלפאַנט וועט איבער־פירן איבערן טײַכל.

דער העלפאַנט האָט זיך דערפרייט. ער איז אַרײַן אין וואַסער און האָט איבערגעפירט אויפ'ן צווייטן ברעג אײן וואָגן נאָכן אַנדערן.

פאַרטיק געוואָרן מיט דער אַרבעט, איז ער געקומען נאָך געלט.

האָט אים דער מענטש אָפּגעצאָלט צו אײן זילבערנע מטבע פאַר יעדן וואָגן.

דערזעהן, אַז דער מענטש רעכנט פאַר יעדן וואָגן צו אײן זילבערנע מטבע און ניט צו צוויי, האָט דער העלפאַנט ניט געוואָלט נעמען דאָס געלט. ער האָט פאַרשטעלט דעם וועג און האָט ניט דורכגעלאָזן די וואָגנס.



דער מזרין האָט ניט געוואָלט נעמען קיין געלט.

דער מענש האָט געוואָלט אָפּטרײַבן דעם מורק פֿון וועג, נאָר יענער האָט זיך ניט גערירט פֿון אָרט.

דעמאָלט האָט שוין דער מענש געמוזט אָפּצאָהלן נאָך צו איין מטבע פֿאַר יעדן וואָגן. ער האָט צונויפֿגעלעגט דאָס געלט אין אַ זעקעלע און צוגעבונדן עס דעם העלפֿאַנט אויפֿן האַלדז.

דער העלפֿאַנט איז אַוועק אַ היים אַ פֿריילעכער, וואָס ער טראָגט פֿאַר דער באָבען אַ מתנה.

די קינדער האָבן זיך פֿאַרבײַנקט נאָכן העלפֿאַנט און האָבן געפֿרעגט בײַ דער באָבען, וואו איז ער, אָבער זי האָט ניט געוואוסט, וואוהין ער איז אַוועקגעגאַנגען.

אַלע האָבן אים געזוכט, און געזוכט, געקומען איז ער אָבער נאָר אין אָוונט.

— וואו ביזטו געווען, מורק? און וואָס איז דאָס בײַ דיר אויפֿן האַלדז? האָבן די קינדער געשריען, צולויפֿנדיג צו זייער פֿרײַנד.

דער מורק האָט אָבער קיין צײַט ניט געהאַט צו ענטפֿערן אויף זייערע פֿראַגן ער האָט געאײַלט צו דער באָבען.

— אָ, דער מורק! — האָט די באָבע געזאָגט — וואו ביזטו געווען? און וואָס איז דאָס בײַ דיר אין זעקעלע.

זי האָט אַראָפּגענומען בײַ אים דאָס זעקעלע פֿון האַלדז.

און דער העלפֿאַנט האָט דערצעהלט, ווי ער האָט פֿאַרדינט פֿאַר איר דאָס ביסעלע געלט.

— אָ, מורק מײַן טײַערער! — האָט די באָבע אויסגעשריען. — וויפֿיל האָסטו דאָס געהאָרעוועט, בכדי צו פֿאַרדינען אַזוי פֿיל זילבער־געלט! ס'איז אַ גוטער דו ביסט בײַ מיר.

פֿון דעמאָלט אָן פֿלעגט דער העלפֿאַנט אָפּטון אַלע שוואַרצע און שווערע אַרבעט, און די באָבע האָט געקענט אָפּרוהען און זיי האָבן בײדע געלעבט זעהר גליקלאַך.



ער זאָגט איו, און ער האָט צוליב איר סאָררינגט אַ ביסל געלט.

X.

דער קרעפּס און דער בוטשאַן.

אַ מאל, אַ מאל, מיט אַ סך יארן צוריק, איז אויפגעפאַלן אַ הייסער זומער און אויסערגעווענהנטלאַכער הייסער. קיין רעגנס זיינען ניט געגאַנגען, אַלץ איז אויסגעטריקנט און אויפגעברענט געוואָרן.

בעלי־חיים האבן שטאַרק געליטן דערפון און די פיש נאך מערער. איין אָזערע, וואו עס האבן זיך געפונען אַ סך פיש, איז כמעט אינגאַנצן אויסגע־טריקנט געוואָרן און די פיש איז אויסגעקומען פיל צו ליידן.

איינמאל איז בײַם ברעג אָזערע געשטאַנען אַ בוטשאַן און באַטראַכט די פיש.

— וואס טוסטו דא? — האט אים אַ קליין פישעלע געפרעגט.

— איך שטעה דאס און טראַכט, ווי שווער איז אייך צו לעבן אין אט דער אָזערע, — האט דער בוטשאַן געענטפערט.

— קיין וואַסער איז כמעט ניט געבליבן, מ'זעהט שוין דעם גרונט. איך וואלט זעהר געוואלט אייך מיט עפּעס העלפן. אין וואַלד־געדיכטעניש האב איך געזעהן אַ גרויסע טיפע אָזערע.

— חידושים! — האט דאס פישל אויסגעשריען. — דאס ערשטע מאל הער איך, אַז אַ בוטשאַן זאל זיך אַזוי דאַגה'ן פאַר די פיש.

— הפנים, אַז דו קענסט מיך נאך ווייניג, — האט דער בוטשאַן געזאגט, — מיר טוט וויי דאס האַרץ פאַר אייך. אין וואַסער ווערט איר אומקומען, און איך וואלט געקענט איינציגווייז אייך איבערטראָגן אין יענע אָזערע, וואו עס איז

פאַראַן אַ סך וואַסער און שפּייַז; אַרום און אַרום זייַנען דאָרטן שאָטנדיגע בוימער און ס'איז קיל, מחיה נפֿשות.

— כ'גלויב גאָר ניט, אַז עס איז פאַראַן אַזאַ אָזערע, — האָט דאָס פישל געזאָגט. — דו ווילסט פשוט אונז אויפֿעסן אייַנציגווייַז.

— אויב דו גלויבסט ניט, שיק מיט מיר אַזאַ פיש וועמען דו קענסט פאַרגלויבן, — האָט דער בושאַן פאָרגעלעגט. — איך וועל אים ווייַזן די אָזערע, נאָכדעם וועל איך אים צוריק ברייַנגען, וועט ער אייַך דערציילן דעם גאַנצן אמת.

אייַנער אַ גרויסער פיש, האָט געהערט דעם שמועס און האָט געזאָגט:

— איך וויל אַ קוק טון אויף די אָזערע. מיר איז אַלץ אייַנס, שטאַרבן דאָ אָדער דער בושאַן זאָל מיך אויפֿעסן. זאָל ער מיך נעמען מיט זיך.

דער בושאַן האָט דעם פיש אַרויפגענומען צו זיך אויפן רוקן און אַוועק געטראָגן אין וואַלד־געדיכטעניש. דאָרט האָט ער אים געוויזן די אָזערע.

— קוק נאָר, ווי טיף און קיל די וואַסער איז, די אָזערע איז אויך אַ סך גרעסער פון אייערער.

— ריכטיק! — האָט דער גרויסער פיש געענטפערט. — טראָג מיך צוריק, וועל איך וועגן דעם דערציילן אַלע פיש.

אַז מע האָט זיך דערוואוסט פון גרויסן פיש, וואָס פאַר אַ פייַנע אָזערע איז פאַראַן אין וואַלד, האָבן אַלע פיש פאַרוואָלט איבערצוקלייַבן זיך אַהין.

דער בושאַן האָט גענומען צו זיך אויפן אייַן רוקן אייַן פיש און האָט אים אַוועקגעטראָגן, אָבער ניט צו דער אָזערע, נאָר ווייַט אין וואַלד, קייַנער זאָל ניט זעהען. דאָ האָט ער דעם פיש אויפגעגעסן און די ביינדעלאַך אויף דער ערד געוואָרפן.

נאָכדעם איז ער צוריקגעקומען נאָך אַ צווייטן פיש, געבראַכט אים אויפן זעלביקן אָרט אין וואַלד און ווידער אויפגעגעסן, אַזוי האָט ער אייַנעם נאָכן אַנדערן אומגעבראַכט אַלע פיש פון דער קלייַנער אָזערע. לסוף, ווען ער איז געקומען צו דער אָזערע, איז שוין דאָרט קייַן אייַן פיש ניט געווען און נאָר אויפן זאַמדיקן ברעג איז געקראָכן אַ קרעבס.

דער גוטשאן האט ארויסגעצויגן דעם פיש אויפן רוקן

— הער צו אַווײלע, קרעפּס, — האָט אים געזאָגט דער בוטשאַן, — אפשר ווילסטו זיך איבערקלײַבן אין וואַלד־אָזערע, וואוהין איך האָב אַלע פיש אַריבער, געטראָגן?

— ווי ווײסטו מיך איבערטראָגן? — האָט דער קרעפּס געפרעגט —

— גאַנץ פּשוט: איך וועל דיך אַרויפזעצן צו זיך אויפן רוקן, — האָט דער בוטשאַן געענטפערט.

— נײַן, אַ שײנעם דאַנק, — האָט דער קרעפּס געזאָגט, — דאָס טויג פאַר מיר ניט. ווען איך וואָלט געקענט מיט מײַנע שערן אַרומנעמען דײַן האַלדז, וואָלט אפשר געווען אַ גאַנג. מיר קרעפּס קענען זיך שטאַרק האַלטן.

דער בוטשאַן האָט אַפילו געוואוסט, וואָס איז דאָס אָזוינס קרעפּס־שערן און אים האָט זיך גאָר ניט געוואָלט, דער קרעפּס זאָל אים צונויפּדריקן דעם האַלדז. ער איז אָבער געווען שטאַרק אויסגעהונגערט און דעריבער האָט ער מסכים געווען.

— נו, זאָל שוין זײַן, ווי די זאָגסט!

דער קרעפּס האָט זיך אים אײַנגעראָבן אין האַלדז. דער בוטשאַן איז געגאַנגען און געגאַנגען. צוגעקומען צו יענעם אָרט, וואו ער האָט אויפגעפרעסן די פיש, האָט ער געזאָגט:

— נו, איצט קריך אַראָפּ, ווײַטער ווײסטו שוין אַלײן געהן.

— איך זעה דאָ קײן אָזערע ניט, — האָט דער קרעפּס געזאָגט. — וואו איז זי? איך זעה נאָר אַ הויפן בײנער: אַ סברא, אַז דאָס איז אַלץ, וואָס פון די פיש איז געבליבן?

— אַוודאי, — האָט דער בוטשאַן געענטפערט, — און אויב דו קריכסט ניט אַראָפּ אָפּ די מינוט, וועט פון דיר אויך נאָר די שאָלאַכץ בלײַבן.

ער האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ, כדי דער קרעפּס זאָל קענען אַראָפּקריכן אויף דער ערד, יענער האָט אָבער מיט די קרעפּס שערן אַזוי צונויפגעדריקט דעם בוטשאַנס האַלדז, אַז ער איז געפאַלן און געבליבן ליגן.

— נײַן, ניט מײַן שאָלאַכץ, נאָר דײַנע בײנדלעך וועלן זיך דאָ וואַלגערן, און זאָלסט ניט אומברײַנגען קײן אומשולדיגע פיש, — האָט דער קרעפּס געזאָגט.

דער קרעבס האָט זיך אײַנגעגראָבן אין האַלדז.

אין דער אויסגאַבע פֿון דער אידישער אָפּטיילונג ביים צענטראַלן בילדונגס-קאָמיסאַריאַט.

דרוקן זיך און ס'גייען אינגיכן אַרויס:

1. מאַרק טווען. דער פּרינץ און דער בעטלער.
2. נ. ניקאַלסקי. דער אוראַלטער ישראל.
3. א. שמייל. באָטאַניק.
4. פּ. בלאָנסקי. די שול און דער אַרבעטער-קלאַס.
5. פּ. בלאָנסקי. די אַרבעטס-שול.
6. ק. טימיריאַזעוו. דאָס לעבן פֿון געוויקסן.
7. צינגער. עלעמענטאַרע פיזיק.
8. לונקעוויטש. דאָס לעבן פֿון מענטש.
9. ק. טימיריאַזעוו. דאַרווין און זײַן לערע.
10. אָ. שמייל. מעטאָדישע אָנווייזונגען צו נאַטורוויסנשאַפֿט.
11. ה. פּלאַטקין. כּללים פֿאַר ביבליאָטעק-טעכניק.
12. יאַקאָבסאָן און מאַלטשעווסקי. עלעמענטאַרע עקספּערימענטן.

פּרייז 4 ר. 50 ק.